**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/11/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט נאך 24 מיליאן דאלאר פארטיילט אין צוועלפטע רונדע פון די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל איניציאטיוו

***דריטע שטויס פון באשטעטיגטע גרענטס רעכענען אריין 28 פראיעקטן וועלכע זענען גרייט צו אנהויבן ארבעט***

***פולע ליסטע פון פראיעקטן צו באקומען גרענטס אין די צוועלפטע רונדע איז פארעפנטליכט דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז מער פון 24 מיליאן דאלאר איז פארטיילט געווארן צו שטיצן 28 פריאריטעט פראיעקטן אריבער ניו יארק סטעיט דורך די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל (Regional Economic Development Council, REDC) איניציאטיוו. די צוועלפטע רונדע האט אריינגערעכנט גרענטס פאר די הויפט ארבעט און געלטער אין פארעם פון טעקס קרעדיט פון די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, צוגעשטעלט געווארן אויף אן אנגייענדן פארנעם און פאר די בעסטע פראיעקטן כדי צו שטיצן די באלדיגע באדערפענישן פון קאמיוניטיס. פינאנצירונג וועט שטיצן אימפאקטפולע פראיעקטן וואס שטימען איין מיט יעדע רעגיאנאלס סטראטעגישע צילן.

"די 28 פראיעקטן וועלכע זענען גרייט צו אנהויבן די ארבעט ברענגען געוואלדיגע געלעגנהייטן צו שטיצן עקאנאמישע וואוקס, שאפן דזשאבס און טרייבן פאר פריוואטע אינוועסטירונג אריבער ניו יארק סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "א דאנק די אנגייענדע באמיאונגען און רעקאמענדאציעס פון די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס, וועט אונזער REDC איניציאטיוו ווייטער העלפן קאמיוניטיס נאכקומען דרינגנדע באדערפענישן דורך סטראטעגישע אינוועסטירונגען און שטארקע סטעיט שטיצע."

**ליוטענאנט גאווערנער אנטאניאָ דעלגאַדאָו, פארזיצער פון די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס, האט געזאגט,** "האבנדיג די שטעלע, איז דאס געווען געוואלדיג צו ארומפארן אריבער די סטעיט און זעהן ערשט האנטיג די פאזיטיווע השפעה וואס די אינוועסטירונגען האבן אויף קאמיוניטיס אריבער ניו יארק. דורך די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס, וועלן מיר פארזעצן צו פארשטערקערן אונזער עקאנאמיע, שאפן גוטע דזשאבס און אינוועסטירן אין אונזער צוקונפט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "גיבן די כוח פאר ראיאנישע פארמישטע פארטייען צו נעמען זייער וויסנשאפט און פארשטאנד פון לאקאלע פריאריטעטן און אייגנשאפטן צו קענען אמבעסטן אויסנוצן סטעיט אינוועסטירונגען איז א שיטה וואס איז 'בדוק ומנוסה'. די פראיעקטן וועלכע זענען גרייט צו אנהויבן ארבעט וועלן טרייבן אונזער עקאנאמיע אויף פאראויס און פירן צו וואוקס און בליהאונג אריבער די סטעיט."

די דריטע רונדע פון פראיעקטן איז רעקאמענדירט געווארן דורך יעדע ראיאנישע קאונסיל צוליב די גרייטקייט פון די פראיעקטן צו אנגעהויבן ווערן און צוליב דעם וואס זיי זענען אין איינשטימונג מיט יעדע ראיאן'ס סטראטעגישע פלאן. מערקווירדיגע פראיעקטן רעכענען אריין:

- **Soleno USA Inc. (הויפטשטאט ראיאן) - ESD $975,000 גרענט, 1.125 מיליאן דאלארדיגע 'עקסעלסיאר דזשאבס טעקס קרעדיט' (Excelsior Jobs Tax Credit):** דורך איר פראיעקט אין סאראטאָגע ספּרינגס וועט Soleno USA Inc. מאכן אינוועסטירונגען אין א נייע פלענט צו ערלויבן די פירמע צו צושטעלן א שטאנדהאפטיגע לייזונג זיך צו באגיין מיט שטורעם וואסערן פאר פובליק און פריוואטע קערפערשאפטן, מיט די פראדוקציע פון א רייע פון ברייטע רערן (600 mm ביז 4000 mm אין דיאמעטער) אין צוגאב צו קענען אפפערן פאר זייערע קליענטן אן אלטערנאטיווע אפציע צו פּאליפּראָפּעלין רערן ביז אזוי ברייט ווי 1500 mm. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: 10.75 מיליאן דאלאר**
- **EMCom, Inc. פארברייטערונג פראיעקט (צענטראל ניו יארק) - ESD $235,000 גרענט, $150,000 עקסעלסיאר דזשאבס טעקס קרעדיט:** EMCom, Inc., א 27-יעריגע אובורן-באזירטע פארגעשריטענע מעניופעקטשורער, וועט פארברייטערן אירע אפעראציעס דורך באדייטנדע מאדערניזירונגען צו אירע עקוויפמענט און איינריכטונג. די פארברייטערונג וועט היטן אויף די פירמע'ס מעגליכקייט צו קאנקורירן אין די אינדוסטריע, ערלויבנדיג זיי צו געווינען נייע קאנטראקטן און גרייטנדיג זיי צו שטיצן בעפארשטייענדע מייקראָ עלעקטראנישע מעניופעקטשורינג אין די ראיאן. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: 1.2 מיליאן דאלאר**
- **Magnatag, Inc. פארברייטערונג חלק 2 (פינגער לעיקס) - ESD $250,000 גרענט, $250,000 עקסעלסיאר דזשאבס טעקס קרעדיט:** Magnatag, א מעניופעקטשורער פון ספעציעל דעזיינטע מאגנעטישע ווייט באורד סיסטעמען, וועט איינקויפן נייע מאשינען און עקוויפמענט צו פארברייטערן מעניופעקטשורינג אפעראציעס אין מעסעדאָן, וועין קאונטי. די נייע מאשינען און עקוויפמענט וועלן ערלויבן די פירמע צו מאכן מער פארשידנארטיגע פראדוקטן. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: 5 מיליאן דאלאר**
- **Unique Electric Solutions פארגעשריטענע באטעריע מעניופעקטשורינג פלענט (לאנג איילענד) - ESD $300,000 גרענט, $300,000 עקסעלסיאר דזשאבס טעקס קרעדיט:** Unique Electric Solutions (UES) וועט אויפשטעלן א באטעריע פעק שמעלצונג אפעראציע – די ערשטע פון איר סארט – פאר קאמערציעלע עלעקטראנישע טראקס, באסעס און אריינגעשטעלטע באטעריע סטארעדזש פראגראמען אין האולברוק, סופאלק קאונטי. די איינריכטונג וועט ברענגען די טעכנאלאגישע אפעראציעס צו די פאראייניגטע שטאטן נאך וואס עס פלעגט אימפארטירט ווערן פון אויסלאנד פאר א לאנגע תקופה. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: 3 מיליאן דאלאר**
- **S.I.C. פילם סקול יאנקערס קאמפוס (מיד-האדסאן) - ESD $450,000 גרענט:** Social Impact Content (S.I.C.) פילם סקול וועט איבערבויען א חלק פון די North Broadway Armory אין יאנקערס'ס שטאט-צענטער צו אויפשטעלן אן ערשט-קלאסיגע פילם סקול. S.I.C. שטעלט צו פילם און מידיע טרענירונג פון א הויכע קוואליטעט צו נאכקומען די וואקסנדע פארלאנג פאר פעהיגע פילם פראדוקציע ארבייטער, עס שטעלט אוועק קאריערעס און פארבינדט סטודענטן מיט די גרעסטע טעאטער דעוועלאפמענט אין די צפון-מזרח. די איינריכטונג וועט אויך ווערן א צענטער פאר קונסט און קולטורישע געלעגנהייטן, זיך קאנצענטרירנדיג אויף אינהאלט וואס האט א געזעלשאפטליכע השפעה. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: 4.46 מיליאן דאלאר**
- **Duofold Building, LLC (מאוהאק וואלי) - 3.5 מיליאן דאלארדיגע ESD גרענט:** Duofold Building, LLC וועט איבערבויען די געוועזענע Sperry UNIVAC קאמפלעקס אין איליאן, הערקימער קאונטי. די דעוועלאפמענט פלאן רעכנט אריין דאס אפהיטן די היסטארישע געביטן פון די פראפערטי, מיט די אונטערשטע צוויי שטאק פון די הויפט געביידע ווערנדיג גענוצט אויסשליסליך פאר ביזנעס צוועקן, און די אויבערשטע צוויי שטאק ווערנדיג

איבערגעבויט צו ווערן אפּארטמענטס אויף די געווענטליכע מארקעט ראטע. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: 19.2 מיליאן דאלאר**

- **Magellan Aerospace New York פארברייטערונג (ניו יארק סיטי) - ESD $295,000 גרענט:** Magellan Aerospace New York וועט אינוועסטירן אין פארגעשריטענע עקוויפּמענט וואס וועט שפילן א קריטישע ראלע ביים מאכן די פירמע'ס מעניופעקטשורינג אפעראציעס מער ווירקזאם און געשליפן. ניו יארק איז שוין א פירער אין די גלאבאלע סופּליי טשעין פאר די פליגער און חלל אינדוסטריעס פאר איבער הונדערט יאר, און Magellan Aerospace וועט פארזעצן צו לייגן אלץ פריאריטעט אזעלכע אינוועסטירונגען וועלכע שטיצן קאמפליצירטע צוזאמשטעלונג און סיסטעם לייזונגען פאר פליגער און מאטאר פאבריצירער, פארטיידיגונג און חלל אגענטורן אריבער די וועלט. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: 1.5 מיליאן דאלאר**
- **SEPAC, Inc. פארברייטערונג (סאוטערן טיער) - ESD $295,000 גרענט:** SEPAC, Inc., א דעזיינער און פראדוצירער פון עלעקטרא-מאגנעטישע און מאגנעטישע שטויב ברעיקס פאר פליגער וועלן פארברייטערן זייער מעניופעקטשורינג איינריכטונג אין עלמירא, טשימאָנג קאונטי. די פארברייטערונג רעכנט אריין מאשינען און עקוויפּמענט וועלכע וועלן באררייכערן SEPAC'ס אפעראציעס אין ריינע ענערגיע, אגריקולטור, העלטקעיר, פארטיידיגונג און טראנספארטאציע, פארמערן פראדוקטן וואס ווערן געאפּפערט און ערמעגליכן נייע מארקעט געלעגנהייטן אין די אגריקולטורישע און פארמאסיוטיקעל פאקן אינדוסטריעס. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: 3.85 מיליאן דאלאר**
- **Artpark & Company, Inc. טרייב-קראפט פארברייטערונג (מערב ניו יארק) - ESD $800,000 גרענט:** Artpark וועט פארברייטערן אירע פארשטעלונג קונסט און זעהבארע קונסטווערק פראגראמאן אין די ניי-אויפגעבויטע 'Connectors Trails' פראיעקט פלעצער אין די Earl W. Brydges Artpark סטעיט פארק אין ניאגארא קאונטי. די צוגאבליכע טרייב קראפט אין די פובליק פלעצער פון די Artpark סטעיט פארק וועלן בעסער פארבינדן Artpark מיט די ווילעדזש אָוו לואיסטאן און מיט די עקזיסטירנדע טרעילס פון די לאָווער ניאגארא ראיאן, אריינציהען נייע בייזשוער און צושטעלן גאנץ-יאריגע פראגראמען וועלכע שטיצן מער לאקאלע און ראיאנישע עקאנאמישע השפעות. **סך הכל קאסט פון פראיעקט: 9.8 מיליאן דאלאר**

די REDC פראצעדור זעצט פאר צו שטיצן און פארשטערקערן ראיאנישע פאראינטערעסירטע פארטייען אינעם אנטוויקלען סטראטעגישע פלענער און פינאנצירונג פריאריטעטן וועלכע קומען נאך די לאקאלע עקאנאמישע באדערפענישן. דורך די REDC איניציאטיוו זענען שוין ביז היינט מער פון 7.7 ביליאן דאלאר געשאנקען געווארן צו מער פון 9,500 דזשאב שאפונג און קאמיוניטי אנטוויקלונג פראיעקטן אין איינקלאנגג מיט יעדער ראיאן'ס סטראטעגישע פלאן. די אפליקאציע פאר ESD גרענט געלטער איז פארמאכט געווארן פאר די רונדע און איז ערווארטעט זיך צוריק צו עפענען אינמיטן מאי. אפליקאנטן מיט שטארקע פראיעקטן וועלכע זענען גרייט צו אנהויבן ארבעט און זענען אין איינקלאנג מיט די סטעיט און ראיאן'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג פריאריטעטן קענען זיך גרייטן צו אפּלייען דורך דעם קאָנסאָלידעיטעד פאָנדינג אפליקאציע.

**איבער די קאָנסאָלידעיטעד פאָנדינג אפליקאציע**
דער קאָנסאָלידעיטעד פאָנדינג (פאראייניגטע פינאנצירונג) אפליקאציע איז געעפנט געווארן צו מאכן דעם פראצעדור פונעם אפּלייען פאר א גרענט גלאטער און שנעלער. דער CFA פראצעס צייכנט אפּ א פונדאמענטאלע ענדערונג אין דעם אופן וואס סטעיט רעסאָרסן ווערן אלאקירט, פארזיכערנדיג וויניגער ביוראקראטיע און מער ווירקזאמקייט צו ערפילן ארטיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג געברויכן. די CFA סערווירט אלס דער איינציג איינטריט פונקט פאר צוטריט צו עקאנאמישע אנטוויקלונג פאָנדינג, צו פארזיכערן אז אפליקאנטן דארפן מער נישט שטייטלעך נאוויגירן מערערע אגענטורן און קוועלער אן קיין מעכאניזם פאר קאארדינאציע. יעצט טוהען עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקטן ניצן דער CFA אלס א

שטיצע מעכאניזם צו האבן צוטריט צו מערערע סטעיט פינאנצירונג קווועלער דורך איין אפליקאציע, מאכנדיג דעם פראצעס שנעלער, גרינגער, און מער פראדוקטיוו. לערנט מער איבער די CFA דא.

**איבער די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס**
דער ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל איניציאטיוו איז א הויפט שטאנדטייל פון די סטעיט׳ס צוגאנג צו סטעיט אינוועסטירונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג. אין 2011, זענען 10 ראיאנישע קאונסילס זענען אוועקגעשטעלט צו אנטוויקלען לאנג-טערמיניגע סטראטעגישע פלענער פאר עקאנאמישע וואוקס פאר זייער ראיאנען. די קאונסילס זענען פובליק-פריוואטע צוזאמענארבעטשאפטן צוזאמענגעשטעלט פון ארטיגע מומחים און סטעיקהאָלדערס פון ביזנעס, אקאדעמיע, ארטיגע רעגירונג, און נישט-רעגירונג ארגאניזאציעס. די ראיאנישע קאונסילס האבן אויפדאסניי אויסגעטייטשט די וועג וואס ניו יארק אינוועסטירט אין דזשאבס און עקאנאמישע וואוקס דורך שטעלן אין פלאץ א קאמיוניטי-באזירטע, פון-אונטן-ארויף צוגאנג און אוועקשטעלן א פארמעסטערישע פראצעס פאר סטעיט רעסאָרסעס. לערנט מער אויף regionalcouncils.ny.gov

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן